**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

# גאווערנער האוקול אנאנסירט ׳אָושען אינסייט׳ צו פארברייטערן אפעראציעס אין מאנראו קאונטי און שאפן ביז 100 נייע דזשאָבס

***פּאָטאָניקס פראדוקט פאבריצירונג קאמפאני וועט פארברייטערן ווילעדזש גרעיט לאקאציע אין שטאט ראטשעסטער***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״ — דער ראיאָן׳ס אויספירליכע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפלעבן קאמיוניטיס און וואקסן דער עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז ׳אָושען אינסייט׳, א ספעקטראסקאפישע סיסטעמס אנטוויקלער און פאבריצירער, איז גרייט צו פארברייטערן איר מאנראו קאונטי אפעראציעס און פארשפרעכן צו שאפן ביז 100 נייע דזשאָבס איבער די קומענדע פינף יאר. ׳אָושען אינסייט׳ האט אנגעוויזן אויף די באדייטנדע אייגנשאפטן און קענטעניס פאראן אין די פינגער לעיקס ראיאן אין פארבינדונג מיט פּאָטאָניקס און אימעדזשינג אלס סיבות פאר דער פארברייטערונג. כאטש די מערהייט פון דער קאמפאני׳ס אפעראציעס זענען אין ארלענדא, פלארידע, וואו עס איז הויפטקווארטירט, וועט דער פראיעקט ברענגען דעם קאמפאני צו פארברייטערן איר איצטיגער פאבריצירונג ארט אין איר ׳ווילעדזש גרעיט׳ אין שטאט ראטשעסטער אויף בעסער נאכצוקומען קאסטומער געברויכן. ׳אָושען אינסייט׳, וואס איז איצט אונטערוועגנס ערווארטעט די געבוי פארברייטערונג ביי דער אנדערסאן עוועניו ארט פערטיג צו ווערן ביז אקטאבער 2022.

״די אויסטערלישע ׳אָושען אינסייט׳ פארברייטערונג אין די פינגער לעיקס וועט נישט נאר צוגעבן צו דעם ראיאָן׳ס מאמענטום אלס א דעסטינאציע פאר היי-טעק ביזנעסער און אינאוואציע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״נאך וויכטיגער פון דעם איז אז די פארברייטערונג וועט ווייטער פארשנעלערן דזשאָב אויפשטייגונג איבער׳ן גאנצן ראיאן, וועלכס בלייבט לעיזער-פאקוסירט אויף די אינדוסטריעס פונ׳ם צוקונפט. דורך סטראטעגישע שותפות׳ן מיט קאמפאניס ווי ׳אָושען אינסייט׳ זעצט פאר ניו יארק אויפצולעבן אונזער עקאנאמיע דורך צוציען ביזנעסער זיך צו אנטוויקלען און פארברייטערן לענגאויס דעם סטעיט.״

די ׳אָושען אינסייט׳ אויסריכטונגען קענען אפמעסטן סיי ליכט און סיי קאליר און ווערט געניץ פאר א ברייטע ריי צוועקן, אריינגערעכנט קוואליטעט קאנטראל ביי הויכע-מאס פראדוקציע, מעדיצינישע אימעדזשינג, עסנווארג און אגריקולטור, און לופט און וואסער אנאליז.

**׳אָושען אינסייט׳ פרעזידענט און CEO דר. מייקל עדווארדס האט געזאגט,** ״די ראטשעסטער און ברייטערער פינגער לעיקס ראיאן זענען דעם פערפעקטן ארט צו פארברייטערן אונזער ׳אַפּלייד סיסטעמס׳ ביזנעס איינהייט. די טיפע טעכנישע אייגנשאפטן פון דעם געגנט אינאיינעם מיט א פארשידנארטיגע און פאזיטיווע קאמיוניטי מאכט עס גאר א גוטן ארט פאר ׳אָושען אינסייט׳. מיר דאנקען

דעם גאווערנער און די סטעיט ניו יארק, מאנראו קאונטי, און דער שטאט ראטשעסטער פאר׳ן שטיצן אונזער פארברייטערונג אין ניו יארק סטעיט.״

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וועט אויך געבן 1 מיליאן דאלער צו ׳עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיט׳ פראגראם אין אויסטויש פאר פונקציע-באזירטע דזשאב שאפונג פארשפרעכונגען. די קאמפאני פלאנירט צו אינוועסטירן באלד 1.8 מיליאן דאלער זיך צו פארברייטערן ביי זייער ׳ווילעדזש געיט׳ לאקאציע און קויפן נייע מאשינען און אויסריכטונגען. מאנראו קאונטי, די שטאט ראטשעסטער, RG & E און ׳גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז׳ העלפן אויך ארויס מיט די קאמפאני׳ס אויפשטייג אין דעם ראיאן.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער האוואַרד זעמסקי האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט׳ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען האבן געהאלפן אוועקשטעלן די פינגער לעיקס ראיאן אלס א וויזיאנערישע אפּטיקס, פאטאניקס, און אימעדזשינג צענטער. אונזער פאקוסירטע אנטשלאסנקייט צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און 21׳סטע יארהונדערטיגע דזשאָבס מיינט אז קאמפאניס ווי ׳אָושען אינסייט׳ קענען דא ווייטער וואקסן, מיט א רערן-ליניע צו די קריטישע טעכנאלאגיע טאלאנט אין וועלכע זיי נייטיגן זיך.״

די פינגער לעיקס ראיאן איז וועלט-בארימט אין די באלייכטונג-באזירטע פאבריצירונג געביט. נישט נאר איז עס דער היים ארט פון ׳AIM פאָטאָניקס׳ טעסט׳ען, צוזאמשטעלן און איינפאקן איינריכטונג (TAP), נאר אויך צו דער אוניווערסיטעט פון ראטשעסטער׳ס אָפּטיקס אינסטיטוט, דער ראטשעסטער אינסטיטוט פון טעכנאלאגיע און צו איבער 100 ארטיגע אָפּטיקס, פאָטאָניקס און אימעדזשינג קאמפאניס. מיט די ארבעטסקראפט, טעכנאלאגיע באזע און שטיצע נעטוואָרק אין פלאץ, זעצט פאר ווייטער דער ראיאן זיך צו צעמענטירן אלס דער אלוועלטליכער אינדוסטריע פירער, טרייבנדיג עקאנאמישע אויפשטייג און שאפנדיג געלעגנהייט פאר די קומענדיגע דורות א דאנק די איבערגעגעבנקייט פון קאמפאניס ווי ׳אָושען אינסייט׳.

**סטעיט סענאטאר סאמרא דזשי. ברוק האט געזאגט,** ״אונזערע שכנים אין ׳ווילעדזש געיט׳, ׳אָושען אינסייט׳, שטעלן צו טעכנאלאגיש פארגעשריטנסטע דזשאָבס פאר אונזער קאמיוניטי און העלפן אונזער ראיאן פירן דעם סטעיט און לאנד אריין אין דער אינאווירנדער עקאנאמיע פונ׳ם צוקונפט. דורך צושטעלן געצילטע אינוועסטירונגען און איינפירן א גרונטליכע ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ איניציאטיוו, ניצט ניו יארק סטעיט די עקאנאמישע אויסזיכטן פונ׳ם צוקונפט אויף צו שפייזן אונזערע פאמיליעס און פארבעסערן אונזערע קאמיוניטיס שוין היינט.״

**סטעיט אסעמבלי-מיטגליד דעמאנד מיעקס האט געזאגט,** ״אויף איבער א יארהונדערט, איז ראטשעסטער געווען דער וואוין-ארט פאר א בליענדער אָפּטיקס אינדוסטריע א דאנק די באמיאונגען און אינאוואציעס פון פונדאמענט קאמפאניס ווי ׳באוש ענד לאמב׳ און ׳איסטמען קאדאק׳. אזוי ווי מיר ארבעטן צו אויפלעבונג פון אונזער שטאט, מוזן מיר ווייטער צושטעלן גוט-באצאלטע דזשאָבס און באדייטנספולע קאריערעס צו די מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי. איך בין דאנקבאר צו די פאמיליע און שטאב מיטגלידער פון ׳אָושען אינסייט׳ פאר׳ן ווייזן זייער איבערגעגעבנקייט צו די איינוואוינער פון גרעיטער ראטשעסטער.״

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט,** ״די ׳אָושען אינסייט׳ פארברייטערונג אין מאנראו קאונטי שפיגלט אפ אונזער ראיאן׳ס אנגייענדע פארשריטן אלס א צענטער פאר טעכנאלאגיע און אינאוואציע. די באדייטנדע אינוועסטירונג הייבט ארויס די שטארקייט פון אונזער ארטיגער עקאנאמיע און פון אונזער שטארקער, פארשידנארטיגער און געניטע ארבעטסקראפט. איך דאנק די ׳אָושען אינסייט׳

טיעם, גאווערנער קעטי האָקול און ׳עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט׳ פאר זייער אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו אונזער קאמיוניטי.״

**שטאט ראטשעסטער מעיאר מאליק עוואנס האט געזאגט,** ״איך וויל גראטולירן דעם טיעם ביי ׳אָושען אינסייט׳ אויף די ערפאלג וואס טרייבט די באדייטנדע פארברייטערונג און זיי דאנקען פאר׳ן מאכן די אינוועסטירונג אין ראטשעסטער. איך בין אויך דאנקבאר פאר גאווערנער האָקול און ׳עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט׳ פאר האלטן און מאכן וואקסן דזשאָבס אין ראטשעסטער׳ס אינאוואציע עקאנאמיע דורך ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳. אינאיינעם ציען מיר אויף פאראויס אונזער ציל צו שאפן א זיכערע, יושר׳דיגע און בליענדע ראטשעסטער.״

**׳גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאָמערס׳ פרעזידענט און CEO און פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצער באב דאפי האט געזאגט,** ״׳אָושען אינסייט׳ איז דער לעצטער קאמפּאני צו אנערקענען אז דער פינגער לעיקס ראיאן איז אן אידעאלן ארט צו שטייגן אלס אן אָפּטיקס, פאָטאָניקס און אימעדזשינג פירער, א דאנק די ערשטראנקיגע טאלאנט פון אונזער ארטיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, אויסגעצייכנטע אינדוסטריע אייגנשאפטן, און אן אינוועסטירטע קאמיוניטי. מיר נעמען אויף מיט צופרינדהייט פרעזידענט און CEO דר. מייקל עדווארדס און זיין טיעם און קוקן ארויס צו ארבעטן אויף צו שטיצן זייער אנגייענדע ערפאלג.״

**פרעזידענט און CEO פון ׳גרעיטער ראטשעסטער ענטערפּרייז׳ מעט הורלבוט האט געזאגט,** ״די ׳אָושען אינסייט׳ פארברייטערונג אינדארסירט די אויסטערלישע טיפקייט און ברייטקייט פון מיטלען פאראן איבער דעם גאנצן גרעיטער ראטשעסטער, ניו יארק, ראיאן אויף צו פארשנעלערן די וואוקס פון אָפּטיקס, פאָטאָניקס און אימעדזשינג קאמפּאניס. איבער 150 אָפּטיקס, פאָטאָניקס און אימעדזשינג קאמפּאניס וועלכע געפונען זיך אין דעם ראיאן פון גרעיטער ראטשעסטער, ניו יארק, ניצן אויס די ארבעטסקראפט און טעכנישע קענטעניס פאראן, געטריבן דורך אויסגעצייכנטע אינזשינערונג טאלאנט, טרענירט ביים ראטשעסטער אינסטיטוט פון טעכנאלאגיע און דער אוניווערסיטעט פון ראטשעסטער.״

פאר נאך אינפארמאציע איבער ׳אָושען אינסייט׳, באזוכט: [https://www.oceaninsight.com/](https://www.oceaninsight.com/).

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופּרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפּמענט. דער ראיאניש געאייגנטער פלאן פאקסירט אויף אינוועסטירן אין הויפּט אינדוסטריעס, אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן דער ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט באלוינען פּריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען [דא](#).

**איבער ״עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט״**

עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפּט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף,

שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען אויף די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ׳איי לאָוו ניו יארק׳, די סטעיט׳ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע אויף ראיאנישע קאונסילס און ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418